STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01385

ERSHTE BLETLEKH

Binem Heller

Permanent preservation of this book was made possible
by Milton & Naomi Lown
in memory of
Bella Lown & Esther Morris

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בּ. העלער / י. ראָזע

ערשטע בּלעטלעך

אילוסטרירטער אַלף - בּית

פערטע, פאַרבּעסערטע אויפלאַגע

פאַרלאַג: נ. קאַפּלאַנסקי

קאָריענטעס 2614 בּוענאָס איירעס

אַלע רעכטן פאַרבאַהאַלטן.

Tall. Gráf. ''CULTURA''
de Muszkat y Zaslavsky
Sarmiento 2157 — Bs. Aires

ծNICN



ɤNlCN

ɤN lCN

ɤ N lC N



מאמע

מא מע

מ א מ ע



מאטע

מא טע

מ א ט ע

ט

ט מאטע ט

מאמע מאטע טאטע

מאמע. מאטע טאטע.

אַ מאמע. אַ מאטע. אַ טאטע.

עמע, א מאמע. טעמע,א מאטע

מאפּע
מא פּע
מ א פּ ע



א מאפּע. א מאמע. א מאטע.
א טאטע.

פּ מאַפּע פּ

מאמע מאטע טאטע
טאטע, א מאפּע. מאמע, א מאטע

 

1 ______
2 ______ ______



עפּעלע

ע - פּע - לע

ע - פּ - ע - ל - ע

ל   עפּעלע

מאמע א טעפּעלע

ל

עטעלע,   א עפּעלע

מאמע	מאמעלע
מאטע	מאטעלע
מאפּע	מאפּעלע

טאטע א מאטע,
מאמע א מאטע,
עטעלע א מאטע,
טעמעלע א מאטע,
אלע א מאטע.

טאטע — א מאטע,
מאמע — א מאטע,
עטעלע — א מאטע,
טעמעלע — א מאטע,
אלע — א מאטע.



טעקע

טע קע

ט ע ק ע

ק טעקע ק

קעמערע. קעפּעלע. פּעקערע.

– טעמע, א מאטע ?

– א עפּעלע.

– טאקע, מאמע, א עפּעלע

לעפעלע

לע פע לע

ל ע פ ע ל ע

פ לעפעלע פ

טעפעלע. לעפעלע.

עטעלע, א לעפעלע.

מאמע, א לעמעלע.

טעמע, א עפעלע.

טעמעלע מע מע מע
פע, טעמעלע!
לעמעלע מע מע מע.
טעמעלע - לא לא לא.

טעמעלע - מע - מע - מע.
פע, טעמעלע!
לעמעלע: מע, מע, מע.
טעמעלע - לא - לא - לא.



קו

ק ו

ו ק ן

קו, מוקע, מו - מו - מו.

- עטעלע,
עטעלע,
א מאמע.
- קו - קו!
מאמע, קו־קו!

מומע, א טעפעלע קופע

קי

ק י



י ק׳ י

א קו. קי. א קיעלע.

מאמע, א קיעלע.
קיעלע, קיעלע, מ־ו־ו.
פע, קיעלע.



פּי פּי פּי.

טו טו טו.

מע מע מע.

טעמע, א פּולע טעקע.

מומע, א טעפּעלע מאטע.

מומע, א לעפּעלע קאפּע.

טעמע, א קעמעלע.

שאפּע

שא פּע

ש א פּ ע

ש שאפּע ש

שאפע. א שאפע. א טישעלע.
פישעלע. א פישעלע. א שיפעלע.

שימעלע, א טעפּעלע קאשע

מאשע, א פּולע שאפּע

שא, שא, מאשע, א מאטע.

ליפּע א פּולע מאטע.
שאשע א לעפעלע קאשע.
פּעטע א עפּעלע

ליפּע, א טיפּע טעקע.

מאשע – א מומע.

לילי – א מאמע.

מימי – א קיעלע.

עטעלע – א עפּעלע.



פוס

פ ו ס

ס פוס ס

א פוס. א טיש. א פאס.

א פוס. א פיסעלע. פיס.

א פיש. א פישעלע. פיש.

עס עטעלע. א

שיסעלע קאשע.

עס מיט א לעפעלע.

לימענע

לי מע נע

ל י מ ע נ ע

נ לימענע נ

נא, מאשע, א לימענע

עמענע, נאַ אַ שיסעלע קאָפּע

טאַטע, קוק א

מיט לימענעס

ניסערעס פיסעלע

שימעלעם ניסעלע

פאנים קעמעלע

א פולע שיסעלע מיט לימענעס

א פולע טעקע מיט פענעס

א טעפעלע מיט נים

א פולע קעשענע מיט מאנים

באָבע

באָ בע

ב אָ ב ע

ב באָבע ב

נא, באָבע, א באנאנע.
נא, באָבע, א עפּעלע.
עם, באָבע.

באשע, מאָל א בעטעלע



באַן

ב אַ ן

ן באַן ן



עס קומט אָן א באַן.
פֿון מאַשין פֿאַלן
פֿונקען.
מאָטעלע מיט עטעלען
קוקן אפֿן באַן.

פידל

פ י ד ל



ד פֿידל פֿ

דאָבע שפּילט אױף פֿידל.

די באָבע שלאָפֿט.

— שאַ, שאַ, דאָבע, שפּיל ניט.

די באָבע שלאָפֿט.

אױף טיש מענדעלעס פֿידעלע.

דינע מאָלט אױף פֿידעלע א פֿאָן.

קומט מענדעלע.

— ניטע, דינע, מאָל ניט.

אפן בלימעלע אַ בין.
מאָטעלע מיט עמעלען
מאָלן עס אָפּ.

בא באשעלעו א טישעלע.

אפן טישעלע אן עפּעלע.

אפן עפּעלע א בין.

קומט באשעלע.

— פלי, פלי, בינעלע.

באשעלעס עפּעלע.

הון

ה ו ן



ה הן ה

האָדעלעס הינדעלע.

האָדעלע האָט א הון מיט א הינדעלע.

האָדעלע האָט ליב דאָס הינדעלע.

שיט אָן האָדעלע א פולע שיסעלע

מיט מאַיס.

דאָס הינדעלע עסט די מאַיס פון שיסעלע.

מאָטעלע האָט אַ העקעלע.
מיטן העקעלע האַקט מאָטעלע.
האַק-האַק-האַק-האַק.
דאָס העקעלע פאַלט פון „מאָטעלעס
הענטעלע. מאַמע, מאַמע, דאָס העקעלע.

און

און



און



און



פון שול.

דינע קומט פון שול.
די מאמע קושט דינען.
דינע עסט אָפּ.
קומט אָן פעסעלע.
דינע מיט פעסעלען שפּילן
מיט א פּילקע.

א..... בילט
א..... פּליט
א קעלבעלע.....
א קיעלע .....
א לעמעלע .....

א האָן און א הון.

א לעפּעלע און א טעפּעלע.

אין א טעפּעלע א בלימעלע.

אַן עפּל און א באַנאַנע.

אין בעטעלע א קישעלע.

א קו און א קעלבעלע.

אין קעפּעלע א קעמעלע.

אין שיסעלע א פישעלע.

ראָד

ר אָ ד



ר ראָד ר

דאָס רעדעלע

בערעלע און פּערעלע האָבן א רעדעלע.
בערעלע קלאפּט אין רעדעלע
און פּערעלע קוקט.

א ראָד — רעדער.
א פאס — פעסער.
א האָן — הענער.

אין אַ שיפעלע

הערשעלע מיט עטעלען פאָרן אין אַ שיפעלע.

הערשעלע שיפט און עטעלע קוקט אַראָפּ.

קוק הערשעלע אַ פישעלע.

אין שטיבעלע א טישעלע און
א בעטעלע.
אפן טישעלע א מאפע און א פעז.
אין בעטעלע – שימעלע.
שימעלעס קעפעלע אפן קישעלע.

אפן טישעלע – א שיסעלע.
אין שיסעלע, קאשע.
שימעלע נעמט קאשע מיטן הענטעלע.
– ניטע, שימעלע.
עס מיט א לעפעלע.

פּאָכער
פּאָ כער
פּ אָ כ ע ר



כ פֿאָכער כ

א פּאָכער פֿון פּאַפּיר

מיכעלע מאכט א פּאָכער פֿון פּאַפּיר.
ער רופֿט דער מאמען:
— מאמע, מאמע, נא דיר א פּאָכער.
די מאמע לאכט:
— כא, כא, כא, א פּאָכער פֿון פּאַפּיר.

באשעלען א שיכעלע.

עטעלע נעמט א שטיקל פאפיר.
מיט א שערעלע שערט עטעלע דאָס
פאפיר, און מאכט באשעלען א
שיכעלע.
קומט מיכעלע און בעט:
— עטעלע, עטעלע, מיר א שיכעלע.
— אָט באלד, מיכעלע, פריער באשעלען;
באשעלען קאלט.



פאָדים

פאָ דים

פ אָ ד י ם



ם פאָדים ם



דער טעלעפאָן.

הערשעלע און עטעלע האָבן א פאָדים.
מיטן פאָדים מאכן די קינדער א טעלעפאָן.
הערשעלע רעדט:
האָלא, עטעלע, קום אהער!
עטעלע ענטפערט: — אָט באלד.

זאַל

ז א ל



ז

ז זאַל

זעלדע, זאַמעלע און זיסעלע שפּילן זיך
אין זאַל.
זעלדע האַלט אין האַנט אַ בוך מיט נאָטן.
זאַמעלע קוקט אין די נאָטן און שפּילט
אויפן פּידל.
זיסעלע מאַכט נאָך זאַמעלען מיט די
הענטעלעך און קלאַפּט מיט די פּיסעלעך.
זי לאָזט זאַמעלען ניט שפּילן.

בוך

ב ו ך

ך ך ך

א מאָלער

מיכעלע האָט א בוך מיט בילדער.
נאָכן לערנען מאָלט מיכעלע:
טישעלעך, הינטעלעך, פישעלעך
און נאָך בילדלעך.
עטעלע קוקט און מאָלט נאָך.



אין פערדעלעד

מיכעלע, בערעלע און מאָטעלע
שפּילן אין פערדעלעד.
מיכעלע פאַרבינדט די קינדערלעד מיט
א פאָדים די הענטעלעך און פאָרט.
אינדערפרי פאָרט ער אין קיך נאָך מילך.
פאַרנאַכט פאָרט ער אין שול אָפּנעמען
די ברידערלעך.



מאָטעלע מיט מירעלען האָבן אַ פֿערדעלע.

מאָטעלע פֿאַרבינט דעם פֿערדעלע די פֿיס מיט אַ פֿאָדים.

נעמט מירעלע אַ שערעלע און שערט אים אָרום





מיר פֿאָרן

מיר פֿאָרן, מיט א באַן.
מיכעלע פֿאָרט, זעלדע פֿאָרט, באשעלע
פֿאָרט, נאָך קינדער פֿאָרן. דער לערער פֿאָרט.
אלע פֿאָרן.
מיר מאכן מיט די הענטעלעך.
מיר פֿאָכען מיט די טיכעלעך.
— ביז שפּעטער, מאמע!
נאָר שימעלע פֿאָרט נישט.
שימעלע איז קראנק.

זעג

ז ע ג



ג זעג ג

גאָדל האָט א זעגעלע.
מיטן זעגעלע זעגט ער ברעטעלעך.
פון די ברעטעלעך מאכט ער פאר גיטעלען
א טישעלע און א בעטעלע.

גאָלדעס ברודערל

גאָלדע האָט אַ ברודערל.
מע רופט אים זאמעלע.
ער איז אַ גוט אינגעלע.
הערשעלע האָט אים ליב.
גאָלדע האָט אים ליב.
אַלע האָבן אים ליב.
אַלע שפּילן זיך מיט זאמעלען.

גיטעלע

גיטעלע האָט ליב ארבעטן.
אז זי קומט פון שול נעמט
זי פאַדים.
פון דעם פאַדים מאכט זי
פאר איר ברודערל היטעלעך
און זעקעלעך.

זיסעלע

זיסעלע קאָן ניט אַרבעטן.
די מאמע זאָגט: זיסעלע, לערן.
— איך קאָן ניט, זאָגט זיסעלע.
— זיסעלע, אַרבעט.
— איך קאָן ניט.
זיסעלע קאָן גאָרניט.

שיף

ש י ף



ף   שיף   ף

פערעלע און פעסעלע פאָרן אף א שיף.

פערעלע פאָרט אין פאראנא.

פעסעלע פאָרט אין סאנטא־פע.

פערעלע פירט פאר איר פעטערס קינדער

פינף קעסטעלעך באָמבאָנעס.

פעסעלע פירט פאר איר באָבעס קיכעלעך

און לעקעכלעך.

ציג

צ י ג

צ ציג צ

אונזער ציגעלע

מיר האָבן א ציגעלע
זונטיק איז צו אונז געקומען איציק, ער האָט געבראכט א הינטל.
דאָס הינטל האָט גענומען בילן. דאָס ציגעלע האָט זיך דערשראָקן און איז אנטלאָפן.
זאָגט איציק צום הינטל:
— ביל נישט, דאָס ציגעלע איז א גוטע.

קאַץ
ק אַ ץ



ץ קאַץ ץ

ציפּעלעס קאַץ איז קראַנק. זי ליגט אין בעט.

ציפּעלע האָט גערופֿן דעם דאָקטער.
האָט דער דאָקטער געזאָגט:
— גיט דער קאַץ א טעצעלע מילך מיט
א ביסעלע זאַלץ.

„שטיפּערקע"

ניטעלע האָט א קאַץ, רופט מען זי „שטי־
פּערקע". א גאַנצן טאָג שפּילט זי זיך, און
שפּרינגט ארום. אמאָל האָט ניטעלע געהאָלפן
דער מאמען ארבעטן. זי האָט געטראָגן פון
קיך די טעלער מיט די גלעזער. איז צוגעלאָפן
„שטיפּערקע" און א שפּרונג געטון אויף ני־
טעלען. פון ניטעלעס האַנט איז אראָפּגעפאַלן
א טעלער און האָט זיך צעבראָכן.

„שטיפּערקע" האָט זיך דערשראָקן און
איז אנטלאָפן.

וויג

וו י ג

וו

וועלוועלע ליגט אין וויגעלע.
די מאמע וויגט אים און זינגט א לידעלע:

„אונטער וועלוועלעס וויגעלע
ליגט א גאָלדן ציגעלע.
דאָס ציגעלע וועט פאָרן האנדלען
ראָזשינקעס מיט מאנדלען.״

מער הערט נישט וועלוועלע.
ער ווערט אנטשלאָפן. נעמט די מאמע
און גיט אים א קוש אין בעקעלע.



אין וועגעלע

מיכעלע מיט איציקלען האָבן א וועגעלע.
דאָס וועגעלע האָט א רעדעלע.
איציקל זיצט אין וועגעלע.
מיכעלע פירט אים ארום.
מיכעלען ווערט שווער צו פירן.
לאָזט ער אָפּ דאָס וועגעלע.
איציקל קערט זיך איבער
און דערשרעקט זיך.

מיידעלע

מיי דע לע

די ״

רייזעלע

איך האָב א שוועסטערל, רופט מען זי רייזעלע.
זי איז א גוט און שיין מיידעלע.
אלע טאָג העלפט זי דער מאמען ארבעטן:
זי קערט, וואשט און העלפט איר נייען.
די מאמע האָט רייזעלען זייער ליב.
זי זאָגט: נישטאָ נאָך אזא גוט קינד ווי רייזעלע.

אַ קליין מיידעלע

אַ קליין מיידעלע קלאַפּט אין טיר:

טוק — טוק — טוק!

ליבע מאַמע, עפן מיר.

טוק — טוק — טוק!

איך בין אהיים געקומען.

טראַ — לאַ — לאַ!

דעם גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען.

טראַ — לאַ — לאַ.

אײ  אײ

אײדעלע און די אײעלעך

זומער איז אײדעלע געפאָרן אין קאמפּ.
אַלע אינדערפרי פלעגט זי גײן שפּאַצירן.
אײנמאָל האָט זי געפונען אין גראָז א נעסט
מיט אײעלעך. זי האָט די אײעלעך געבראַכט
אַהײם און זײ געצײלט:

אײן אײעלע — רײזעלע.
אײן אײעלע — װעלװעלע.
אײן אײעלע — גיטעלע.
אײן אײעלע — בײלע.

און זיך האָט זי גענומען צװײ אײעלעך.
װיפל אײעלעך האָט אײדעלע געפונען?



באק ליד

באק, באַק, קוכן.

דער בעקער האָט געררופן:

ווער ס'וויל גוטע קוכן מאַכן,

דער מוז האָבן זיבן זאַכן:

אייער און שמאַלץ,

פּוטער און זאַלץ, מילך און מעל,

און זאַפראַן מאַכט דעם קוכן געל.

שנײַדערין

דד



טײַבעלע

הײַנט גײט נישט טײַבעלע אין שול.
נעמט זי א שטיקל װײַס לײַװונט. שנײַדט צו
פֿאר מירעלען א קלײדעלע מיט א לײַבעלע,
און נײט. זאָגט די מאמע:
— זע נאָר, טײַבעלע איז דאָך א גאנצע
שנײַדערין.



פּיִוועלעס הינדעלעד

דאָס זענען פּיִוועלעס הינדעלעד. פּיִוועלע האָט זיי זייער ליב.

פּיִוועלע רײַסט אָן צוויַיגעלעד מיט בלימע־לעד און טרײַבט זײַנע הינדעלעד, ער שרײַט.

— אריַין, אריַין, אין שטײַגעלע אריַין.

נאָכדעם בעט ער זײַן מאַמען זי זאָל אים געבן א פריש אייעלע.



אײַזן

אײַ ז ן



דער קלײנער שמיד

אײַזיקס טאַטע איז אַ שמיד.

ווען אײַזיק קומט פֿון שול גײט ער זען ווי זײַן טאַטע אַרבעט. אײַזיק זאָגט אַז ער קאָן פֿון אײַזן מאַכן וואָס מע וויל.

ער קאָן מאַכן פֿון אײַזן:

מעסערלעך, העקעלעך, רעדעלעך און הע־מערלעך.

אַפֿילו אַ זעגעלע קאָן ער מאַכן.

הוידע

ױ ױ

אין פּאַרק

האָדעלע מיט מיכעלען פאָרן אין פּאַרק הוידען זיך. מיכעלע הוידעט האָדעלען און האָדעלע הוידעט מיכעלען.

האָדעלע שרעקט זיך און שרייַט:

— נישט אַזוי הויך, נישט אַזוי הויך, איך וועל נאָך אַראָפּפאַלן.

מיכעלע פאָלגט און הוידעט איר לאַנגזאַמער.

פּײַגעלע, פּײַגעלע, פּי, פּי, פּי!

פּײַגעלע, פּײַגעלע,
פּי, פּי, פּי.
— וואו איז דער טאַטע?
— ניטאָ דאָ הי!
— ווען וועט ער קומען?
— מאָרגן פרי!

— וואָס וועט ער ברענגען?
— אַ פלעשעלע ביר!
— וואו וועט ער שטעלן?
— הינטער דער טיר!

— מיט וואָס וועט ער צודעקן?
— מיט א שטיקל פּאַפּיר!
— ווער וועט עס טרינקען?
— איך מיט דיר!

יעגער

יא, יאָ, יז.



יאָסעלע א יעגער

דער טאטע האָט געבראכט יאָסעלען א ביקסעלע.

יאָסעלע שפּילט זיך מיט זיין ביקסעלע א גאנצן טאָג.

ער שטעלט אוועק אונטערן טישעלע זיין העזעלע, און שיסט, פּיף־פּאף!

נאָכדעם גיט יאָסעלע דאָס ביקסעלע זײַן שוועסטערל יענטעלען, און זי שיסט א פּאַפּירן פּייגעלע.

אונזער ראַדיאָ

מיר האָבן א ראַדיאָ.
דורכן ראַדיאָ הערן מיר אַלע טאָג
זינגען און שפּילן.
פאַרנאַכט הערן מיר זינגען
אידישע לידער.
אָפּט הערן מיר זינגען
די קינדער פון אידישע שולן
שיינע לידער.

אויטאָמאָביל

אוי אוי



אין אויטאָמאָביל

דער טאטע האָט געקויפט יאָסעלען אן אויטאָמאָביל.

דעם גאנצן טאָג איז ער ארומגעפאָרן אין אים. אין אויטאָמאָביל האָט ער אויך געגעסן. אזוי האָט זיך יאָסעלע געשפּילט ביז ער איז אײַנגעשלאָפן.

די מאמע האָט אים אויסגעטאָן און ארײַנגעלייגט אין בעטעלע.

טשײַניק

טש

אין סאָלדאטן

בערעלע מיט א פאָן, יודעלע מיט א טשײַניק, עטעלע מיט א בעזים און איציקל מיט א פײַפל שפּילן זיך אין הויף.

זיי שטעלן זיך אויס און מארשירן ווי סאָלדאטן. בערעלע זינגט, יודעלע קלאַפּט אין טשײַניק און איציקל פײַפט.

קומט אָן מירעלע, פּאטשט מיט די הענטעלעך און זינגט:

טשים, טשאָם, בירי, באָם.

מאַרש ליד

איינס, צוויי, איינס, צוויי,
לאָמיר קינדער שפּרייזן,
אַזוי ווי סאָלדאַטן,
אין די גלייכע רייען,
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ,
זעט נאָר ווי מיר גייען.
שטיל ווי קעצעלעך
לאָמיר איצטער גיין.
אויף די ציפּקעלעך,
אין די גלייכע רייען.
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.
זעט נאָר ווי מיר גייען.

אין גאָרטן

לעבן אונזער שטוב איז פאַראַן אַ גאָרטן.
אַלע אַרבעטן אין גאָרטן.
דער טאַטע צעגראָבט די ערד. מיכעלע פאַרזייט רעטעך, ציבעלע, מערן און אונ־ער קעס. האָדעלע פלאַנצט רויזן, גלעקעלעך, טוליפּס און מאָן־בלומען.
איציקל באַגיסט די גרינסן און די בלומען.
נאָר שימעלע טוט גאָרניט, ער איז נאָך אַ קלייניקער. ער זיצט אין זײַן וועגעלע און קוקט ווי מיר אַרבעטן.
איינמאָל איז שימעלע אַראָפּגעקראָכן פון וועגעלע, ער איז צוגעגאַנגען צו אַ בייט און אָנגעהויבן גראָבלען מיט די הענטעלעך.
— שימעלע אַרבעט — האָט געזאָגט האָדעלע.
אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

„אין בלענדעניש“

די קינדערלעך שפּילן אין „בלענדעניש“. מאַטעלען האָט מען פאַרבונדן די איינגעלעך מיט א טיכעלע און די קינדער האָבן געזונגען:

די אייגעלעך, מײַן קינד,
מיט א טיכעלע פאַרבינד;
דו ביסט בלינד,
דו ביסט בלינד!
א הונט א בייזער ערגעץ בילט,
זײַן קעלעכל הערט זיך ווילד.
זאָג זשע, ליבעס קינד,
ווער בילט אזוי געשווינד.
האוו, האוו, האוו ?

ווי די קינדער האָבן אָנגעהויבן צו בילן, איז געקומען דאָס הינטל און אויך געהאוקעט האוו, האוו, האוו.



זשיראַף.　　　זשאַבע.　　　זשוק.

זש　　זש

אין פּאַנדן

מאַטעלע, איידעלע, אײַזיקל און פֿייגעלע שפּילן אין פּאַנדן.

מאַטעלע איז א זשיראַף.

אײדעלע — א זשאבע.

פֿײגעלע — א זשוק.

און אײַזיקל פֿירט אָן דאָס שפּיל.

אײַזיקל זאָגט: זשיראַף!

ציט מאָטעלע אױס די האַלז און קײַט.

— זשאבע! זאָגט אײַזיק.

שפּרינגט אײדעלע און שרײַט: קװא, קװא, קװא.

מיטאמאָל שרײַט אײַזיקל: זשוק!

האָט פֿײגעלע אָנגעהױבן ארומלױפֿן און שרײַען! קװא, קװא, קװא.

די קינדער האָבן זיך צעלאכט און געזאָגט:

— נארעלע, א זשוק מאכט דאָך זש־זש־זש־זש.

דער טאָרט

הײַנט איז דער באָבעס געבורטס־טאָג. די אייניקלעך האָבן איר געבראַכט אַ טאָרט און געזונגען:

אויף דער באָבעס געבורטס־טאָג
אויסגעבאַקן אַ גרויסן טאָרט.
אַט אַזוי איז ער הויך.
אַט אַזוי איז ער לאַנג.
אַט אַזוי איז ער ברייט,
אַט אַזוי איז ער דיק.
גרויסער טאָרט, זיסער טאָרט,
דער באָבען גיב דיין אָרט.

מיכעלעס בריוועלע

מיכעלע איז געפאָרן צו גאַסט צו זיין
פעטער אין דער קאָלאָניע מאָזעסוויל.
אין א פּאָר טעג ארום האָט ער געשריבן
אהיים א בריוועלע:

טייערע עלטערן!
ביים פעטער איז מיר זייער גוט אלע אינדערפרי
טרינק איך פרישע מילך.
ביי טאָג לערנט מיך דער פעטער רייטן אויף א פערד,
און פארנאכט שפּאצירן מיר אין א סולקי.
זייט געזונט,
מיכעלע.





אויף דער פּויזע

אויף דער פּויזע שפּילן מיר זיך.

די אינגלעך שפּילן זיך אין באהעלטעניש און אין ראַנגאָ.

די מיידלעך שפּילן זיך אין „פישער".

צוויי קינדער מאַכן אַ טויער, און די איבעריקע גייען אין אַ רייע דורכן טויער און זינגען.

אַזוי שפּילן מיר זיך ביז עס קלינגט דער גלאָק.

מיר ארבעטן

I.

איך, מאָטעלע, נאָדל און רייזעלע זײַנען שטענדיק פאַרנומען מיט אַן אַרבעט.

איך און מײַן ברודערל מאָטעלע אַרבעטן מיט שערעלעך. פון פּאַפּיר שערן מיר אויס פערדעלעך, הינטעלעך, פישעלעך און הינ־דעלעך.

II.

מיין ברודער נאָדל ארבעט מיט א זעגעלע און מיט א העקעלע.

פון ברעטעלעך מאכט ער שטיבעלעך און וועגעלעך.

מיין שוועסטערל רייזעלע העלפט אים צונויפשטעלן די שטיבעלעך.



דאָס פייגעלע

דורך פּעסעלעס פענצטער איז אריינגע־
פלויגן א פייגעלע. דאָס פייגעלע איז ארומ־
געפלויגן איבערן צימער. אין צימער איז
קיינער נישט געווען. דאָס פייגעלע איז
ארויפגעפלויגן אויף א שטול, פון שטול —
אויפן טיש. אויפן טיש איז געשטאנען א
גלאָז וואסער. דאָס פייגעלע האָט געוואָלט
טרינקען. מיטאמאָל איז אריין פּעסעלע. ווי
נאָר דאָס פייגעלע האָט דערזען פּעסעלען,
האָט עס זיך דערשראָקן און איז ארויסגע־
פלויגן.

עטעלעס הינטעלע

עטעלע האָט א הינטעלע. איינמאָל איז דאָס הינטעלע אוועקגעגאנגען. עטעלע האָט געוואַרט, געוואַרט און דאָס הינטעלע איז נישט צוריקגעקומען. עס איז פארפאלן געוואָרן. עטעלע האָט אים געזוכט א גאנצן טאָג און ניט געקאָנט געפינען.

איז געוואָרן נאכט. אלע האָבן שוין אָפּגע־געסן און געוואָלט גיין שלאָפן. מיטאמאָל — א קלאַפּ אין טיר. עפנט עטעלע די טיר, ערשט ס'איז דאָס הינטעלע.

עטעלע האָט זיך זייער דערפרייט.

רייזעלעס וואָך

רייזעלע איז א ווויל מיידעלע.

א גאנצע וואָך איז זי פארנומען מיט ארבעט:

זונטיק — שפּילט זי זיך.

מאָנטיק — וואַשט זי וועש.

דינסטיק — פאַרריכט זי זיי.

מיטוואָך — פּרעסט זי.

דאָנערשטיק — רוימט זי די שטוב.

פרייטיק — באַקט זי קיכעלעך.

?

רוט זי.

יאנקעלע וויל א יעגער זיין.

יאנקעלע וויל א יעגער זיין,
יאנקעלע וויל אין וואלד אריין,
שיסן וויל ער נאָר א בער,
וו נעמט מען אָבער געווער?
אונזער יאנקעלע דערזעט,
אין ווינקעלע א בעזים שטייט.
מיטן בעזים וועט ער יאָגן
און א גרויסן בער דערשלאָגן.

ער קען אין שטוב שוין מער נישט בלייבן;
ווייל דעם בעזים אונטערהויבן.
שווערער בעזים קערט זיך איבער,
און דער יענער פאלט אריבער.

נישט קיין בער און נישט קיין האָז,
און צעשלאָגן זיך די נאָז.
ער וויל שוין נישט אין וואלד אריין,
ער וויל שוין נישט קיין יעגער זיין.

אַ — ים



אויפֿן יַם

זומער איז בערעלע געפֿאָרן שפּאַצירן מיט זיין טאַטן אויפֿן יַם.

אויפֿן יַם האָט בערעלע געזען אַ סך שיפֿן, גרויסע און קליינע.

איינמאָל האָט בערעלע אָנגעבונדן אַ טע־פּעלע אויף אַ לאַנגן פֿאָדים און אַראָפּגעלאָזט אין יַם.

ער האָט אָנגעשעפּט יַם־וואַסער און גענו־ מען טרינקען.

דאָס וואַסער איז געווען געזאַלצן.

האָט זיך בערעלע פֿאַרקרימט און אויסגע־ גאָסן דאָס וואַסער צוריק אין יַם אַרײַן.

אין א רעגנדיקן טאָג

עס האָט זייער שטאַרק גערעגנט. איבער
אַלע גאַסן האָט געפּלייצט אַ סך וואַסער.

מען האָט ניט געקאָנט איבערגיין די גאַס.
די טראַמווייען האָבן זיך אָפּגעשטעלט.
מאָטעלע און בערעלע האָבן נישט געקאָנט
איינזיצן אין שטוב.

האָבן זיי געמאַכט שיפעלעך פון פּאַפּיר
און געלאָזן זיי אויפן וואַסער.

— זע, מאָטעלע, אַזוי ווי אויף אַ ים.

— טאַקע, בערעלע.

פָּנים

פּ ָ = אָ

אין „ראנגאָ"

בָּרוך, גָד, שָאול און נאָך קינדער שפּילן אין ראנגאָ.

בָּרוך, שטייט איינגעבויגן מיטן פּנים אראָפּ.

די איבעריקע שפּרינגען איבער אים.

גָד שרייט פון ווייטן:

„ראנגאָ!" ער לויפט און שפּרינגט אריבער.

שָאול איז נאָך א קליינער. ער לויפט און שרייט אויך „ראנגאָ", אָבער ער פאלט און צעקלאפּט זיך דאָס פּנים.






מיר האָבן גענומען צײן־שטעקעלעך און
גרינע ארבעס. די שטעקעלעך האָבן מיר
ארײנגעשטעקט אין די ארבעסלעך און גע־
מאכט פארשידענע זאכן:

א טישעלע, א באנק, א מענטשעלע, א
שטיבעלע, א שטולעכל, א קעסטעלע, א
בעטעלע און א שירעם.

די אלע זאכן האָבן מיר אוועקגעשטעלט
אויף דער זון זיך טריקענען. ווען די ארבעס־
לעך האָבן זיך אויסגעטריקנט זענען זיי גע־
וואָרן אזוי הארט, אז די שטעקעלעך האָבן
זיך נישט ארויסגענומען.





ל בָ נֶ ה

ב = וו

ֶ = ע



אין א לבָנֶה־נאכט

אַבְרָהָם און שָׂרֶה זענען געפאָרן זומער צו זייער פעטער אין קאמפּ.

בײַטאָג פלעגן זיי גיין זען ווי מע ארבעט אין פעלד. און אָוונט פלעגן זיי מיט נאָך קינדער שפּילן אין באהעלטעניש פאר דער שײַן פון דער לבָנֶה.

איינמאָל איז געווען פארוואָלקנט.

די לבָנֶה האָט מען נישט געזען, עס איז געווען פינצטער.

האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אונטער א בוים און דערציילט זיך מַעֲשֶׂה׳לעך.

מִשְׁפָּחָה   ח   ח — כ — י

די מִשְׁפָּחָה

אַרום טיש זיצט די גאַנצע מִשְׁפָּחָה.
חַיִים איז דער טאַטע. חַנָה — די מאַמע.
מירקע — חַנָהס קעצל.
און באָב — חַיִמס הינטל.
קומט אָן זַלמָן מיט זײַן שוועסטער.
חַיִים און חַנָה לױפן זײ אַנטקעגן מיט גרױס שִׂמְחָה.
דערװײַל איז אַרױף אױפן טיש מירקע און האָט אױסגעטרונקען חַנָהס מילך.

די מִשְׁפָּחָה

מיך רופט מען זַלְמֶן,
דער טאַטע הייסט קַלְמֶן,
דער ברודער הייסט זֶרַח,
דער זיידע הייסט בָּרוּך,
די מאַמע הייסט ביילע,
די שוועסטער הייסט קיילע.
מײַן פערדל הייסט סירקע,
מײַן קעצל הייסט מירקע,
די באָבע הייסט יאַכע,
די גאַנצע מִשְׁפָּחָה.

גבורים

ז

אין מלחמה

נעכטן האָבן מיר געשפּילט אין מלחמה.
אַלע אינגעלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט אין
צוויי רייען, איינע אַנטקעגן די אַנדערע און
געזונגען:

— מיר גייען אַרויס אין מִלְחָמֶה אויף אייך,
אין מִלְחָמֶה אויף אייך,
סיי בײַטאָג און סיי בײַנאַכט.

— ווער וועט פון אייך דער ערשטער אַרויס,
דער ערשטער אַרויס?
העלד פון געבוירן, העלד פון געבוירן.

— פון אונדז נייט ארויס שָלום דער גִבּור,
שָלום דער גִבּור,
העלד פון געבוירן, העלד פון געבוירן!
— און פון אונדז נייט ארויס שלֹמֶה דער גִבּור,
שלֹמֶה דער גִבּור,
העלד פון געבוירן, העלד פון געבוירן!
נאָכדעם האָבן שָלום און שלֹמֶה זיך גע־
צוויגן פאר די הענט.
שָלום האָט איבערגעצויגן שלֹמֶהן.

שלמה דער לערער

שׂרהלע זעצט אַלעמען אויס.
דער לערער איז נאָך נישטאָ.
נעמט שׂרהלע אַ ביכעלע און לייענט:

אמאָל איז געווען א ביימעלע.

דאָס ביימעלע האָט געהאט א צווייגעלע.

אויפן צווייגעלע — א שיין עפּעלע.

קומט א אינגעלע און...

מיטאמאָל קומט אָן שלמה דער לערער.

— קינדער, לאָמיר לערנען.

שלמה שרייבט אָן אויפן טאָוול: א. ב. ג. ד. ת.

און לערנט מיט זיי.

כֵּלים.

.. — יי כּ = כּ ק

א קעצעלע א שטיפערקע

ישׂראֵלס מאמע האָט געקויפט נײַע כֵּלים.
די כֵּלים האָט זי אויסגעשטעלט אויפן טיש.
דערווייל האָט ישׂראֵל זיך געשפּילט מיט זיין
קעצל. דאָס קעצל האָט אָנגעהויבן שפּרינגען
איבערן טיש און האָט צעבראָכן א גלאָז.



די מאמע האָט געבראַכט אין א גלעזערנע
כּלי מיט וואסער פיר לעבעדיקע פישעלעך.
אונדזער קעצל האָט זיך צוגעשאַרט צו דער
כּלי און געוואָלט כאַפּן א פישעלע.
די פישעלעך האָבן זיך דערשראָקן און
האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום דעק.
— אוועק, אוועק, שלעכטע קאַץ! — האָב
איך אויסגעשריגן.

װ — װ

דָוִיד און יִשְׂרָאֵל

דָוִיד און יִשְׂרָאֵל האָבן ליב צו שפּילן אין פוטבאָל, און דַוקא אין מיטן גאַס.

זייער מאַמע זאָגט זיי אַלעמאָל, אַז זיי זאָלן בעסער זיך שפּילן אין הויף אָדער אין פּאַרק.

אָבער יִשְׂרָאֵל און דָוִיד פאָלגן נישט. איינ־מאָל האָבן זיי זיך געשפּילט אין גאַס. דָוִיד האָט א שטאַרקן קלאַפּ געטון די פּילקע און צעבראָכן בײַם שכן א שויב.

דָוִיד און יִשְׂרָאֵל זענען אַנטלאָפן, זייער טאַטע האָט געמוזט באַצאָלן דעם שכן פאַר דער שויב.

תַּלְמִידִים

תּ = ת = ט

וואַקאַציעס

פאַר די וואַקאַציעס זענען בײַ אונדז אין
שול פֿאָרגעקומען עקזאַמענס.
דער לערער האָט פֿאַרהערט אַלע תַּלמידים.
בעסער פֿון אַלעמען האָט געקענט תָּמָר.
זי האָט גוט געענטפֿערט אויף אַלע פֿראַגעס.
דער לערער האָט איר געשענקט אַ מַתָּנָה.



חַיֹות. ת = ת = ם

אין זאָאָלאָגישן גאָרטן

נָתָן מיט זײַנע חַבֵרים פֿלעגן אָפט גיין אין זאָאָלאָגישן גאָרטן.

דאָרט האָבן זיי געזען א סַך חַיֹות און עוֹפֹות; פֿון די חַיֹות פֿלעגט זיי אלעמאָל אינ־טערעסירן דער העלפֿאנד, דער לייב, דער טיגער און די מאלפּעס.

פֿון די עוֹפֹות: דער אָדלער, די פּאָפּוגייען,

דאָס רויט־בריסטל און דער טעראָ־טעראָ.

זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן בײַ די שטײַנער און וואַרפן אַהין שטיינדלעך.

דער היטער האָט עס באַמערקט.

ער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף זיי.

פון דעמאָלט אָן, ווען די קינדער קומען אין זאָאָלאָגישן גאָרטן וואַרפן זיי שוין מער נישט קיין שטיינדלעך.

לוחַ חַ — אַ



נחם טאטע קויפט אַלע יאָר א נײַעם לוחַ.
אַלע טאָג רײַסט נחַ אראָפּ איין בלעטל.
אזוי ווייסט נחַ די חדשים און יָמים־טובים.
איינמאָל האָט נחַ אראָפּגעריסן פון לוחַ
עטלעכע בלעטלעך.
— מאמע, הײַנט גיי איך נישט אין שול.
עס איז יָום־טֶוב. קוק אויפן לוחַ.
די מאמע האָט זיך צעלאכט.
— גיי, גיי, אין שול. דו האָסט דאָך אראָפּ־
געריסן א סך בלעטלעך.

דער אלף־בית

א	א	אַלֶף
בּ	בּ	בֵּית
ב	ב	בֵית
ג	ג	גִימֶל
ד	ד	דַלֶת
ה	ה	הֵא
ו	ו	וָו
ז	ז	זַיִן
ח	ח	חֵית
ט	ט	טֵת
י	י	יוּד
כּ	כּ	כַּף
כ ך	כ	כָף
ל	ל	לָמֶד

מ ם	מ ם	מֵם
נ ן	נ ן	נוּן
ס	ס	סַמֶך
ע	ע	עַיִן
פּ	פּ	פֵּא
פ ף	פ ף	פֵא
צ ץ	צ ץ	צַדִי
ק	ק	קוּף
ר	ר	רֵיש
שׁ	ש	שִׁין
שׂ	ש	שִׂין
תּ	תּ	תָּו
ת	ת	תָו